## דער וואָס רעדט פֿאַר זיך אַליין, דער רעדט אמתדיק און שיין
## שפּראַך בײַ טבֿיהן און מנחם־מענדלען: אַ פֿאַרגלײַך

טבֿיהן און מנחם־מענדלען האָט שלום־עליכם געלאָזט זיך אויסדרוקן אַליין. קיין נאַראַטאָר רײַסט נישט איבער טבֿיהס מאָנאָלאָגן, און מנחם־מענדלס בריוו ווערן איבערגעגעבן דעם לייענער אָן קאָמענטאַר (אַחוץ דעם וואָס וואַקסט אַרויס פֿון דער צוזאַמענשטעלונג פֿון זײַנע בריוו מיט שיינע־שיינדלס). ממילא דאַרף דער מחבר איבערגעבן אַלע אייגנשאַפֿטן פֿון זײַנע העלדן דורך זייערע אייגענע ווערטער: אַנדערש פֿאָרמולירט: אין דער שפּראַך דאַרף ליגן דער מהות פֿונעם העלד, דאָס הייסט, אַז פֿאַר יעדן געשטאַלט דאַרף געשאַפֿן ווערן אַ באַזונדערע שפּראַך. דן מירון האָט שוין באַוויזן אין אַ פּרטימדיקן אַנאַליז פֿון מנחם־מענדלס ערשטן בריוו אין דער סעריע „לאָנדאָן,“ ווי אַזוי די איינצלנע פֿאָרמולירונגען צוזאַמען מיטן געבוי פֿונעם בריוו מאָלן אויס סײַ אַ בילד פֿון אַן אַרכיטיפּ (דעם „לופֿטמענטש“), סײַ דעם פּסיכאָלאָגישן פּאָרטרעט פֿון אַ יונגען מאַן, וואָס איז סוף־כל־סוף אַנטלאָפֿן פֿון די הערשערישע ווײַבער אין דער היים. אָננעמענדיק דעם פּרינציפּ, אַז אין דער שפּראַך קאָנצענטרירט זיך דער מהות פֿונעם העלד, וועלן מיר אינעם ווײַטערדיקן עסיי ניצן געבוי, ווערטער און אויסדרוקן ווי דער אָנהייבפּונקט פֿאַר אַ פֿאַרגלײַך צווישן טבֿיהן און מנחם־מענדלען, אָט די צוויי עיקרדיקע געשטאַלטן אין שלום־עליכמס שאַפֿן.

איידער מיר גייען צו צום אַנאַליז, וואָס וועט אויפֿווײַזן היפּשע אונטערשיידן, זאָל אָנגעוויזן ווערן אויף געוויסע ענלעכקייטן צווישן די געשטאַלטן. ביידע האָבן זיך געוויזן צום ערשטן מאָל אין די 1890ער יאָרן, און ביידע האָבן זיך פּאַמעלעך אַנטוויקלט במשך פֿון די ווײַטערדיקע צוואַנציק יאָר: דאָס, וואָס זײַנען אין אָנהייב געווען איינצעלנע מעשׂיות, האָט שלום־עליכם שפּעטער צונויפֿגעשטעלט ווי פֿולשטענדיקע ביכער. די צוויי געשטאַלטן זײַנען אין די פֿריערדיקע יאָרן אָם

נאָענטסטן: כאָטש מנחם־מענדל איז שוין אַ סוחר אין שטאָט און טבֿיה האָרעוועט נאָך אין דאָרף, האָבן ביידע איין צרה־אָרעמקייט־און איין חלום־רײַך ווערן. שפּעטער בלײַבט מנחם־מענדל אײנעם זעלבן קרײַז פֿון חלום־האָפֿענונג־מפּלה, בשעת טבֿיה וואַקסט ביז אויף גאָר אַן אַנדער מדרגה דורך די עמאָציאָנעלע קריזיסן, וואָס עס שאַפֿן זײַנע טעכטער. אין די צוויי ערשטע טבֿיה־דערציילונגען בלײַבן די טעכטער אָבער אין הינטערגרונט: די טעמע איז, ווי בײַ מנחם־מענדלען, „ווו ליגט דער גיכסטער און גרינגסטער וועג צו עשירות?" אין „אַ בוידעם" טרעפֿט זיך טאַקע טבֿיה מיטן שלימזלניק, און דורך אים איז אויך דער דאָרפֿסייד טועם די גרויסע האָפֿענונגען מיט דער מפּלה; אין „דאָס גרויסע געווינס" דערגרייכט טבֿיה פּער צופֿאַל דאָס וואָס מנחם־מענדל חלומט זיך אַלע טאָג: קערבלעך מן־השמים. אויב מען וויל אַרויסהייבן די אונטערשיידן צווישן די צוויי העלדן, לייגט עס זיך אויפֿן שׂכל אָנצוהייבן דאָ, ווו זיי זײַנען אַם נאָענטסטן. אַזוי וועלן ס'רובֿ בײַשפּילן זיך נעמען פֿון די פֿרייקע מעשׂיות.

דער אַלגעמיינער געבוי פֿון די מעשׂיות איז וויכטיק, ווײַל ער שאַפֿט אַ גערעם, פֿון וועלכן די שפּראַך איז אין אַ געוויסער מאָס אָפּהענגיק. טבֿיה דערציילט שוין פֿאַרענדיקטע איבערלעבונגען שלום־עליכמען; מנחם־מענדל שרײַבט בריוו דער פּרוי בשעת מעשׂה, טאַקע אין סאַמע ברען פֿון זײַנע איבערלעבונגען. דערפֿון לאָזן זיך אַרויסדרינגען עטלעכע אינטערעסאַנטע באַמערקונגען.

1. טעמפּאָ. טבֿיה האָט צײַט. ער זעצט זיך אַוועק מיט שלום־עליכמען אויפֿן גראָז, ווי מיר לייענען אין „דאָס גרויסע געווינס," כּדי אים צו דערציילן „די גאַנצע מעשׂה פֿון אָנהייב ביזן סוף" (16). מיר ווייסן, אַז דאָס דערציילן געדויערט אַ היפּשע צײַט, ווײַל טבֿיה וויל זיך לסוף אַנטשולדיקן: „מיר דאַכט, איך האָב מיך אַ ביסל פֿאַררעדט. האָט קיין פֿאַראיבל ניט..." (39). אַן ענלעכן געדאַנק חזרט ער אָפּט איבער צום סוף פֿון זײַנע מעשׂיות. פֿון דער אַנדערער זײַט איז דער שלוס פֿון כּמעט יעדן בריוו מנחם־

מענדלס אָנגעצייכנט מיט די ווערטער: „און מחמת איך האָב קיין צײַט ניט, מאַך איך דאָס בקיצור." ער האַלט בפֿירוש אין מיטן פֿון דער מעשׂה, און די געשעפֿטן לאָזן נישט צו, ער זאָל זיך רויִק אַוועקזעצן און „אַרויסשרײַבן אַלצדינג באריכות." ס'איז נישט קיין צופֿאַל, אַז שלום־עליכם האָט אָנגערופֿן דעם בריוו, וואָס איז אַרײַן צווישן די יום־טובֿ מעשׂיות און וואָס באַשרײַבט מנחם־מענדלס אַ פּסחדיקן פֿאָר אַהיים, „בחיפּזון."

2. אָפּשאַצן אַקעגן רעאַגירן. פֿונעם פֿאַרשיידנאַרטיקן טעמפּאָ בײַ יעדן העלד פֿאָלגט, אַז טבֿיה האָט צײַט איבערצוטראַכטן דאָס געשעענע, בשעת מנחם־מענדל לויפֿט ווײַטער, אָן זיך אָפּצושטעלן. אַזוינס גיט אויך איבער די פֿאָרעם, אין וועלכער יעדער העלד דערציילט זײַנע מעשׂיות. טבֿיה דערציילט אַ שוין פֿאַרענדיקטע מעשׂה: ער האָט זיך שויך פֿאַרקלערט און אָפּגעשאַצט דאָס געשעענע. אויב ער האָט זיך געפֿירט נאַריש, למשל, איז ער גרייט דאָס צוצוגעבן, ווי אין אָנהייב פֿון „אַ בורדעם":

> איך טראַכט זיך צו מיר אַליין וויפֿל מאָל: „באַרעכן נאַר, טבֿיה, דו פֿערד איינער, ביזט דאָך עפּעס, זאָגט מען, יאָ נישט קיין נאַר. ווי־קומסט דו זיך לאָזן פֿירן אין באָד אַרײַן, און נאָך אַזוי נאַריש?" (43)

וואָס פֿאַר אַ בראָך ער זאָל נישט דערלעבן, האָט ער, ביז ער דערציילט די מעשׂה, שוין געהאַט צײַט שלום צו מאַכן דערמיט און ווידער אויפֿצונעמען דאָס לעבן. זײַן כּוח ווײַטערצוגיין טראָץ אַלעם נעמט זיך צום טייל פֿון דעם, וואָס ער איז אין שטאַנד זיך צו שאַפֿן אַן איבערבליק איבער דאָס געשעענע. דאַקעגן רעאַגירט מנחם־מענדל אויף דעם, וואָס איז נאָר וואָס פֿאָרגעקומען, און פֿאַרגעסט עס, ווי באַלד סע געשעט עפּעס אַנדערש. פֿון דער גרעסטער שׂמחה פֿאַלט ער אַרײַן אין דער טיפֿסטער מרה־שחורה, כּדי זיך ווידער אויפֿצוהייבן, אָן זיך ווײַטער צו פֿאַרקלערן וועגן דער מפּלה. זײַן כּוח ווײַטערצוגיין באַשטייט און דעם, וואָס ער לאָזט דעם פֿריִערדיקן בראָך אַרויסגליטשן פֿון די געדאַנקען. אַזוי קלאָגט ער זיך איבערן בראָך אינעם לעצטן בריוו פֿון „פּאַפּירלעך." אָבער אינעם „עיקר שכחתי" איז דער טאָן שוין ווידער אַ האָפֿערדיקער: „ווער עס ווייס

self-reflective
reactive

איצט אַוועקגיין קיין פּעטערבורג אָדער קיין וואַרשע עפּעס קויפֿן. וועט ער גליקלעך ווערן!" (77) ממילא איז דער בריוו זייער אַ צוגעפּאַסטע פֿאָרעם פֿאַר די מנחם־מענדל־מעשׂיות, ווײַל אַ בריוו גיט געוויינטלעך איבער די לעצטע נײַעס און איז מערסטנס נישט דער אָרט פֿאַר אַ פֿילאָסאָפֿישן איבערבליק אויפֿן לעבן. אַפֿילו ווען מנחם־מענדל גיט איבער אַ גאַנצע מעשׂה אין איין בריוו, שאַפֿט ער זיך נישט קיין איבערבליק. דאָס איז דער פֿאַל אין „עס פֿידלט נישט." ווי דער באַניץ מיטן אידיאָם, וואָס איז אויך דער נאָמען פֿון דער מעשׂה, באַווײַזט. ווען מנחם־מענדל שרײַבט צום סוף, אַז „עס פֿידלט נישט" (203), מיינט ער טאַקע דעם פֿאַרפֿאַלענעם שידוך, אָבער ווען ער ניצט דעם אויסדרוק אין אָנהייב, איז עס נישט קיין אָנווײַז אויף דעם. וואָס וועט קומען, נאָר אויף זײַן מצבֿ אין דער צײַט, ווען ער נעמט אויף די מעשׂה. אין אָנהייב פֿונעם בריוו שרײַבט ער שיינע־שיינדלען, אַז „עס פֿידלט נישט" (183), כּדי זי זאָל פֿאַרשטיין, אַז ס'איז טאַקע געווען אוממיגלעך, ער זאָל פֿאָרן אַהיים.

3. דעת אונגערעדטער טבֿיה דערציילט שלום־עליכמען, מנחם־מענדל דער פֿרוי שיינע־שיינדלען. אָט דאָס איז שטאַרק משפּיע אויפֿן אופֿן דערציילן. שלום־עליכם איז אַ גרעסערער געלערנטער פֿאַר טבֿיהן, און דער דאָרפֿסייִד נעמט אָן, אַז ער קען דערציילן לויט זײַן געוויינטלעכן שטייגער, און דער שרײַבער וועט אַלץ פֿאַרשטיין. אין משך פֿון רעדן זוכט טבֿיה אַ מאָל אַ וואָרט און ווענדט זיך צו שלום־עליכמען: „ווי זאָגט איר?"–דער צוהערער איז דאָך דער מײַסטער־דערציילער. און נאָך מער: טבֿיה האָט צוטרוי צו שלום־עליכמען און דערציילט אים די אינטימסטע פּרטים פֿון זײַן לעבן (ספּעציעל פּסיכאָלאָגיש־עמאָציאָנעל), וואָס קיין צווייטן דערציילט ער זיי נישט. דאָס זאָגט ער שוין בפֿירוש צום סוף פֿון „דאָס גרויסע געווינס": „איך ווייס ניט, צי איר וועט דאָס גלייבן–איר זענט כּמעט דער ערשטער, וואָס איך האָב אײַך דערציילט די גאַנצע געשיכטע, ווי אַזוי און וואָס און ווען..." (39). מנחם־מענדל, וואָס נעמט אָן די שפּראַך

און די געוויינטהייטן פֿון שטאָט און בערזע שרײַבט צו אַ פֿרוי, וואָס בלײַבט אין די ראַמען פֿונעם שטעטל. אַזוי קען ער נישט גלאַט אַזוי שרײַבן וועגן דעם, וואָס איז פֿאָרגעקומען, אָבער דאַרף אַלע מאָל פּרוּוון אויפֿקלערן זײַן לייענער אין הילכות השפּעקולאַציע. דערצו קען ער זיך נישט אַראָפּרעדן פֿון האַרצן דער פֿרוי, ווײַל ער ווייסט, אַז זי וועט ענטפֿערן בלויז מיט קללות און מיט דער בקשה, ער זאָל פֿאָרן אַהיים. ער אַנטשולדיקט זיך אינעם ערשטן בריוו פֿון „פּאַפּירלעך":

> דאַרף איך דיר דערציילן, זוגתי היקרה, אַ גאַנצע מעשה, און בעטן דיך, זאָלסט קיין פֿאַריבל ניט האָבן, וואָס איך האָב דיר אַזאַ צײַט קיין בריוו ניט געשריבן. ס'איז פּשוט נישט געווען וואָס צו שרײַבן. (45)

דאַכט זיך, אַז ער איז זיך סותר: ער האָט אַ גאַנצע מעשה צו דערציילן, און דאָך טענהט ער, אַז ער האָט גאָרנישט געהאַט צו שרײַבן. דער אמת איז, אַז ער האָט אויסגעגעבן דאָס געלט, וואָס שיינע־שיינדל האָט אים געשיקט אויף צו פֿאָרן אַהיים, אויף נײַע לופֿטגעשעפֿטן, און אַז ער האָט מורא צו שרײַבן, ביז אים געלינגט עפּעס צו פֿאַרדינען. בשעת טביה קען זיך פֿרײַ אויסדרוקן, ווייסט מנחם־מענדל, אַז געוויסע זאַכן זאָל ער בעסער פֿאַרשווײַגן.[1]

דער פֿאַרשיידנאַרטיקער געבוי פֿון די צוויי ווערק ווײַזט אונדז פֿון איין זײַט אַ טביה, וואָס דערציילט בהרחבות און קען אַפֿילו זײַן אַ ביסל קריטיש קעגן זיך, און פֿון דער אַנדערער אַ מנחם־מענדל, וואָס כאַפּט זיך שטענדיק און רעדט נישט קיין קלאָרע דיבורים, נישט צו זיך און נישט צו דער פֿרוי. איצט לאָמיר אַריבער צו עטלעכע באַמערקונגען וועגן דעם שפּראַך גופֿא, וואָס גיבן צו צום בילד פֿון זייערע פּערזענלעכקייטן.

ס'איז אינטערעסאַנט, ווי אַזוי יעדער העלד דערמאָנט גאָט און להבדיל בראָצקין. טביה, ווי באַוווּסט, טענהט זיך אויס מיט גאָט, אָבער וואָסער טענות ער זאָל נישט

האָבן איז, ווי ער זאָגט מנחם־מענדלען, „דער עיקר. . . בטחון" (47). ווי לאַנג זײַנע דיסקוסיעס מיט גאָט זאָלן נישט זײַן, איז די אונטערשטע שורה אַ פֿאַטאַליסטישע, אָבער דערפֿאַר אַ טרייסטנדיקע, וואָס דעקט אויף דעם דאָרפֿיידס טיפֿע אמונה. קוקנדיק אויף די גוטע מאכלים, וואָס עס עסן די גבֿירים אין „דאָס גרויסע געווינס," קלאָגט זיך טבֿיה בײַ גאָט וועגן דעם אומיושר אויף דער וועלט. אָבער באַלד רײַסט ער זיך אַליין איבער:

> עט, ביסט אַ גרויסער נאַר, טבֿיה, כ'לעבן, וואָס איז שייך, דו ווילסט, איַם זאָגן אַ דעה, ווי אַזוי צו פֿירן די וועלט: מסתמא, אַז ער הייסט אַזוי, באַדאַרף זײַן אַזוי; אַ סימן האָט איר, אַז ווען עס זאָל באַדאַרפֿן זײַן אַנדערש, וואָלט דאָך געווען אַנדערש. (29)

דער בטחון העלפֿט טבֿיהן אויף שלום צו מאַכן מיטן חלום, וואָס דערפֿון לאָזט זיך אויס „אַ בוידעם" (62–63): דער בטחון פֿאַרזיכערט, אַז ווען ער שאַצט אָפּ דאָס געשעענע, נעמט ער אַלץ אָן פֿאַר גוט און איז אין שטאַנד צו פֿאָרן ווײַטער.

אַזאַ אינטימקייט מיט גאָט איז בײַ מנחם־מענדלען נישטאָ. ווען ער דערמאָנט דעם אייבערשטן איז עס מערסטנס אין איינער אַ פֿאַרפֿיקסירטער ווענדונג, וואָס האָט זיך אײַנגעוואָרצלט אין דער שפּראַך פֿון אַ פֿאָלק, וואָס האָט דורות לאַנג געהאַט אמונה, אַ שטייגער: „אם ירצה השם," „ברוך השם," „מיט גאָטס הילף." ס'איז שווער צו וויסן, אויב ער גלייבט באמונה שלמה, אַז ער דאַרף אָננעמען די וועלט, „אַזוי ווי גאָט פֿירט זי." ווײַל מערסטנס דערמאָנט ער דעם אייבערשטן נאָר ווי אַ סימן־טובֿ, עפּעס וואָס שטעלט מיט זיך פֿאָר דעם מזל, נאָך וועלכן ער יאָגט זיך שטענדיק. נאָך דעם ווי די „פּאַפּירלעך" פֿאַרלירן זייער ווערט, למשל, טרייסט ער זיך מיטן געדאַנק, אַז „גאָט לעבט און יעהופּעץ איז אַ שטאָט" (76): ער קען נישט דערמאָנען גאָט אָן דער שטאָט, און די לעצטערע איז אין זײַנע אויגן דער אמתער קוואַל פֿון אַל דאָס גוטס.

אין זײַן געדאַנקען־וועלט שטעלט גאָט מיט זיך פֿאָר נישט אמונה און בטחון, נאָר האָפֿענונג און מזל. ער שליסט „פּאַפּירלעך" מיט די דאָזיקע טרעפֿיקע ווערטער:

צו דער שפּעגעלאַציע דאַרף מען האָבן דרײַ זאַכן: שׂכל, מזל און געלט. שׂכל איז, ברוך השם, פֿאַראַן בײַ מיר אַזוי פֿיל, וויפֿל בײַ אַלע היגע שפּעקולאַנטן. מזל איז בײַ גאָט. און געלט? – געלט איז בײַ די בראַצקיס. (77)

בראַצקי איז טאַקע די פֿאַרקערפּערונג פֿון געלט־פֿונעם געלט, וואָס דער פֿאַרהאַרוועטער טבֿיה פֿון איין זײַט און וואָס דער לופֿטמענטש מנחם־מענדל פֿון דער צווייטער, האָבן נישט. ווידער ווײַזט אָבער אָן דער אופֿן, אויף וועלכן זיי דערמאָנען דעם גבֿיר, אויף זייערע פֿאַרשיידענע צוגאַנגען צום לעבן. ווען טבֿיה דערמאָנט בראַצקין, וויל ער מערסטנס דורכן קאָנטראַסט אָנווײַזן אויף זײַן גרויסער אָרעמקייט. דער געדאַנק, אַז ער זאָל אַ מאָל טאַקע האָבן אַזוי פֿיל געלט ווי בראַצקי פֿאַלט אים נישט אײַן: ער שטעלט דעם טראָפּ אויפֿן אונטערשייד צווישן זיך און דעם גבֿיר, אַ שטייגער:

גלוסט זיך טיי, און צו טיי באַדאַרף מען צוקער, און צוקער, זאָגט איר [שלום־עליכם], איז בײַ בראַצקין. (18)
געלט האָבן טאַקע די בראַצקיס, און איך האָב טעכטער. (31)
אַ נאָמען איז אַוודאי זייער אַ גוטע זאַך; נאָר וואָס דען? איך בלײַב בײַם נאָמען, און געלט האָט טאַקע אַלץ בראַצקי... (51)

פֿון דער אַנדערער זײַט וויל מנחם־מענדל אָפּווישן דעם גרענעץ צווישן זיך און דעם גבֿיר: טראָץ אַלע אונטערשיידן וויל ער אָנווײַזן אויף זייער ענלעכקייט, אַ סימן, אַז ער קען אויך אַ מאָל ווערן אַ בראַצקי. ער שרײַבט למשל:

דו מיינסט, אַפּנים, זוגתי היקרה, אַז איך בין איינער אַזוי אויפֿן יריד, וואָס איך האַנדל מיט פּאַפּירלעך? בראַצקי האַנדלט אויך דערמיט. (64)
[נאָכן אויסרעכענען ווי אַזוי די פּאַפּירלעך זאָלן וואַקסן:] ווי אַזוי, נאַרעלע, ווערט מען אַ מיליאָנטשיק, אַ בראַצקי? און וואָס, מיינסטו, איז בראַצקי? אַ בשׂר־ודם. וואָס עסט און טרינקט און שלאָפֿט. איך האָב אים אַליין געזען. איך זאָל אַזוי זען אַל דאָס גוטס!... (70)

אויב מנחם־מענדל וויל באַווײַזן אַ געוויסע נאָענטקייט צו בראַצקין, וויל ער זיך דערווײַטערן פֿונעם שטעטלדיקן שטייגער. דאָס ווערט קלאָר אין זײַן באַניץ פֿון די פּראָנאָמען „מיר" (שטאָטשע מענטשן) און „איר" (פֿאַרבליבענע אין שטעטל):

וואָס דו שרײַבסט מיר מכּוח בערל דעם פּעטער מנשהס, איז בײַ מיר זייער צו גלויבן: בײַ אײַערע כּתרילעווקער פּרנסות קאָן זיך קיין סוחר אַנדערש נישט אויסהאַנדלען. זעסטו, בײַ אונדז אין יעהופּעץ קאָן זיך שוין אַזאַ מעשׂה נישט טרעפֿן. (58)

אָט דער אָפּשניט וואָלט געהאַט גאָר אַן אַנדער פּנים, וואָלט ער געשריבן אַנשטאָט „בײַ אײַערע כּתרילעווקער פּרנסות" „בײַ אונדזערע כּתרילעווקער פּרנסות," און אַנשטאָט „בײַ אונדז אין יעהופּעץ" „דאָ אין יעהופּעץ:" אין דעם פֿאַל וואָלט מען אויסגעטײַטשט, אַז ער פֿילט זיך פֿרעמד אין דער שטאָט. אָבער אַזוי שרײַבט ער נישט: קענטיק רעכנט ער זיך שוין אַרײַן צווישן די שטאָטישע מענטשן. דאָס גיט ער אויך איבער זייער קלאָר אין זײַן שטענדיקן רעפֿרען: „און איך אויך בתוכם."

מנחם־מענדלס שטרעבן צו זײַן אַ שטאָטישער לאָזט זיך אויך שפּירן אין זײַן באַגעגעניש מיט טבֿיהן. ער דערמאָנט, ווי אַזוי קבצנים ווערן אַ מאָל ממש גבֿירים, און נעמען זיך פֿירן לויטן שטאָטישן שטייגער: „הײַנט האָבן זיי אייגענע הײַזער, מויערן, זייערע ווײַבער האָבן צו טאָן מיט די מאַגנס־פֿאָרן קיין אויסלאַנד זיך היילן..." („אַ בוידעם" 52). זײַן אימפּליציטער חלום איז, פֿאַרשטייט זיך, אַז אַזוינס זאָל אויך געשען מיט אים. ווען טבֿיה חלומט וועגן עשירות, מאָלט ער זיך אויס ווי אַן עשיר, וואָס איז אַ סך מער טראַדיציאָנעל: „צײַט, זאָג איך, טבֿיה, זאָלסט שוין אָפּרוען זיך, ווערן אַ בעל־הבית צווישן בילי־בתּים, קומען אין אַ בית־המדרש, אַרײַנקוקן אין אַ ײדישן ספֿר" (דאָרטן). לויט מנחם־מענדלס השׂגות, איז טבֿיה נאָך אין גאַנצן „בײַ אײַך."

טבֿיהס צוגעבונדנקייט צו דער אַלטער וועלט און מנחם־מענדלס באַגער, זיך צוצושליסן צו דער נײַער, ווײַזט זיך אויך אינעם אופֿן, ווי אַזוי זיי גיבן איבער די חכמה, אויף וועלכער זייער אויפֿפֿיר און זייער וועלטבאַנעם זײַנען זיך סומך. ווי באַוווּסט, באַניצט זיך טבֿיה זייער אָפֿט מיט פּסוקים, דאָס הייסט, אַז ער שעפּט פֿון די טראַדיציאָנעלע מקורים. דערצו פֿאַרטײַטשט ער דעם לשון־קודשדיקן פּסוק זייער אָפֿט מיט אַ ווערטל. בײַשפּילן דערפֿון זײַנען אַוודאי פֿאַראַן זייער אַ סך, ווי

הַמַבדיל בין קודש לחול – ווער עס האָט די קלינגערס דעם איז ווויל. (31)
כּולם אהובֿים כּולם ברורים – אַז גאָט גיט מיטן לעפֿל, גיבן לײַטן מיטן שעפּל. (44)
הזורעים בדמעה ברנה יקצרו – בעסער פֿריִער באַוואָרענט איידער נאָכדעם באַשטאָרפֿט. (53)

אַזוי וויכטיק ווי די הייליקע כּתובֿים איז די בעל־פּה־טראַדיציע פֿון פֿאָלק, אפֿשר אַפֿילו וויכטיקער, ווײַל טבֿיה פֿאַרטײַטשט אַזוי פֿיל לויט דער פֿאָלקס־טראַדיציע, אַז ווײַזט אויס, אַז ער פֿאַרשטייט די הייליקע טעקסטן לויט דער פֿאָלקס־חכמה. דער סך־הכּל איז אָבער קלאָר: ער שעפּט זײַן חכמה סײַ פֿון די טעקסטן פֿון דער ייִדישער טראַדיציע, סײַ פֿונעם מויל פֿונעם ייִדישן פֿאָלק, און ער דריקט אויס די דאָזיקע חכמה אויף גאָר אַ טראַדיציאָנעלן שטייגער: אַ לשון־קודשדיקער פּסוק און דערנאָך דער טײַטש אויף ייִדיש.

פּסוקים זײַנען בײַ מנחם־מענדלען אַ גרויסע זעלטנקייט און אַפֿילו מיט ווערטלעך באַניצט ער זיך נישט אָפֿט. פֿון איין זײַט קען זײַן, אַז ער שרײַבט נישט קיין פּסוקים, ווײַל ער ווייסט, אַז שיינע־שיינדל וועט זיי נישט קענען פֿאַרשטיין, און אַז ער שרײַבט נישט קיין ווערטלעך, ווײַל ער וויל זיך דערווײַטערן פֿון דער שוויגערס אופֿן רעדן. פֿון דער אַנדערער זײַט זאָגט ער זיך אָפּ פֿון די טראַדיציאָנעלע אויסדרוקסמיטלען, ווײַל טראַדיציאָנעלע השׂגות טויגן מער נישט פֿאַר אים. ער פֿאַרלאָזט זיך בעסער אויף דער נײַער חכמה פֿון דער מאָדערנער שטאָט, און אַזוי קלינגט אָפֿט בײַ אים דעם אַלגעמיינעם קול, וואָס לאָזט זיך הערן אין די גאַסן, אָנגעצייכנט מיט אַזעלכע ווענדונגען ווי „מען" אָדער „אַלע זאָגן":

ביסמאַרק, שמועסט מען, האָט זיך צוגעקילט, באַקומען דעם קאַטער, – איז אין דער פּאָליטיקע געוואָרן אַ מהומה, מע ווייסט ניט וואָס סע טוט זיך. (36)
מיר לוינט נאָר נישט צו פֿאַרקויפֿן, ווײַל אַלע זאָגן, אַז עס וועט נאָך גיין און גיין. (62)
די שפּעגעלאַציע, זאָגט מען, איז אָפּגעשטאָרבן, קאָן שוין תּחית־המתים נישט אויפֿשטיין. (76)

אויב מען געפֿינט אַ מאָל אַ לשון־קודש וואָרט בײַ מנחם־מענדלען, איז עס געוויינטלעך אַ טייל פֿונעם סוחרישן זשאַרגאָן: „דבֿר־אחד" (26), „בחצי חנם" (46), „יד־אחת" (62). פֿאַרשטייט זיך, אַז מנחם־מענדל נעמט אויך אַרײַן אין זײַן שפּראַך אַ סך נײַע באַגריפֿן פֿון דער סוחרישער וועלט, וואָס קיינער אין שטעטל פֿאַרשטייט זיי נישט. טבֿיה איז נישט אין שטאַנד איבערצוגעבן מנחם־מענדלס רייד וואָרט בײַ וואָרט, ווײַל ער קען נישט געדענקען די מאָדנע באַגריפֿן: „מע טראָגט אַרײַן אַ הונדערטער און מע הייסט זיך, זאָגט ער, קויפֿן אַ צען שטיקלען—איך האָב שוין פֿאַרגעסן ווי אַזוי זיי הייסן..." (51). מנחם־מענדל רעדט שוין לויט אַ נײַעם קאָד, וואָס אין דער אַלטער וועלט איז נישט פֿאַרשטעדלעך.

אָט דער אַנאַליז פֿון שפּראַך און געבוי אין די טבֿיה־ און אין די מנחם־מענדל־מעשׂיות האָט אויפֿגעוויזן די הויפּטשטריכן פֿון די צוויי העלדן: טבֿיה—נאָך אַרײַנגעטאָן אין דער טראַדיציאָנעלער וועלט, אַ ייד מיט בטחון, וואָס דורך זײַן אמונה און זײַן פֿעיִקייט אָפּצושאַצן דאָס געשעענע און צו גיין ווײַטער, געלינגט עס אים שלום צו מאַכן מיט די אָפּטיקע יסורים, וואָס ער דאַרף אויסשטיין; מנחם־מענדל—וויל זיך דערווײַטערן פֿונעם ענגען שטעטל־לעבן, הערט קיין מאָל נישט אויף צו האָפֿן, אַז הײַנט וועט ער מזל האָבן, און שפּרינגט ווידער אויף נאָך יעדער מפּלה, אָן זיך צו פֿאַרקלערן וועגן די סיבות פֿאַר זײַן דורכפֿאַל.

טבֿיה קען מען צושרײַבן צום „האָרעפּאַטשנעם שטאַנד," מנחם־מענדל צום „סוחרישן"; אויף ווי ווײַט זײַנען אָבער די צוויי געשטאַלטן טיפּישע, דאָס הייסט, אויף ווי ווײַט איז טבֿיהס שפּראַך די שפּראַך פֿון האָרעפּאַטשנעם שטאַנד און מנחם־מענדלס די פֿון סוחרישן שטאַנד? צי קען מען בכלל אײַנטיילן די שפּראַך בײַ שלום־עליכמען אין אַזעלכע קאַטעגאָריעס? די ווייניקע בײַשפּילן, וואָס איך קען ברענגען, זײַנען נישט

גענוג, כדי אויפֿצובויען אַ טעזיס. איז וועט עס דאַרפֿן בלײַבן בײַ אַ סבֿרא. און די סבֿרא איז, אַז כאָטש עס זײַנען אפֿשר פֿאַראַן עטלעכע אַספּעקטן פֿון שפּראַך, וואָס ווײַזן זיך אָפּט בײַ געוויסע שטאַנדן, איז בײַ שלום-עליכמען יעדער העלד אַ יחיד. וואָס האָט אַן אייגענע פּערזענלעכקייט און ממילא אַן אייגענע שפּראַך. שמעון-אלי, „דער פֿאַרכּישופֿטער שנײַדער," איז אויך אַ האַרעפּאַטשנער שטעטל-ייִד, וואָס באַניצט זיך מיט פּסוקים. דאָרטן אָבער ווײַזן די פּסוקים נישט אָן אויפֿן ייִדס ברייטן פֿאַרשטאַנד פֿונעם לעבן, נאָר אויף דער שמאָלקייט פֿון זײַנע אינטעלעקטועלע פֿעיִקייטן. דער „מענטש פֿון בוענאָס איירעס" איז אויך אַ סוחר אָבער אין גאַנצן אַן אַנדער מין סוחר פֿון מנחם-מענדלען, און ער רעדט אַן אַנדער מין שפּראַך. מנחם-מענדלס שפּראַך שפּיגלט אָפּ די האָפֿענונג מיט דער אומגעניטשאַפֿט פֿונעם יונגען מאַן; מאַטעקס שפּראַך ~~אַ שיין~~ די פֿון אַ דערפֿאַרענעם עלטערן מאַן אָן אילוזיעס, און וואָס האָט זיך מאָראַליש קאָמפּראָמעטירט, כדי מצליח צו זײַן אין דער געשעפֿטסוועלט. אַזוי ווי ער האַנדלט מיט אומבכּבֿודיקער סחורה, וואָס מען טאָר נישט אָנרופֿן בײַם נאָמען, אַזוי רעדט ער אַ פֿאַרשטעלטע שפּראַך. דער אמת זאָל בלײַבן באַהאַלטן און אַפֿילו באַקומען אַ שיין פּנים.

דאַכט זיך מיר, אַז שלום-עליכמס גאונות באַשטייט דווקא אין דעם, וואָס ער שאַפֿט די שפּראַך לויטן יחיד און נישט לויט שטאַנד, מין אָדער עלטער (כאָטש די-אַ זאַכן זײַנען אַוודאי אויך משפּיע אויף דער שפּראַך פֿונעם יחיד). דאָס זאַפֿטיקע לשון איז אַזוי לעבעדיק, ווײַל דערין דריקט זיך אויס אַ גאַנץ לעבן, און נישט קיין סטערעאָטיפּ, נאָר אַ יחיד-במינו.

---

[1]דער ענין פֿונעם אַנגערעדטן איז גאָר אַן אינטערעסאַנטער. אָבער כ'האָב צום באַדויערן נישט געהאַט קיין צײַט דאָ מאריך צו זײַן. איך וויל זיך אָבער דערלויבן אַ פּאָר באַמערקונגען.

אינעם בריוו צו שלום־עליכמען, „בחיפּזון,“ דריקט זיך מנחם־מענדל אויס אַ ביסל אַנדערש ווי אין די בריוו צו שיינע־שיינדלען. ער נעמט אַרײַן, למשל, אַ פּאָר פּסוקים (ספּעציעל פֿון דער הגדה) און שרײַבט בכלל מער ליטעראַריש. דערווײַטערט זיך מער פֿון דער רעדשפּראַך. אין „בחיפּזון“ באַשרײַבט ער זײַנע איבעלעבונגען ווי אַ שדכן, און פֿאַראַן סצענעס, וואָס זײַנען ענלעך צו די אין „עס פֿידלט נישט.“ אַזוי ווערט ער, למשל, פֿאַרבעטן צו עסן בײַם גבֿיר:

> און דער מחותן מיט דער מחותנתטע דערווײַלע פֿאַרבעטן מיך, איך זאָל בלײַבן אויף וואַרעמעס. מהיכא־תּיתי, פֿאַר וואָס ניט? בײַם טיש רוקט מען מיר אונטער דאָס שענסטע שטיקל פֿלייש און מע האַדעוועט מיך מיט צימעסן אין דער וואָכן. („בחיפּזון“ 21)

> „איר וועט נישט גיין רב מנחם־מענדל! איר וועט פֿריִער עסן מיט אונדז וואַרעמעס, איר קערט אַוודאי זײַן הונגעריק.“ און מע גייט זיך וואַשן און מע זעצט זיך אַוועק עסן און מע נעמט צו גלעזלען ווישניק. און ער, דער מחותן הייסט עס, די גאַנצע צײַט—דאָס מויל מאַכט אים נישט צו. („עס פֿידלט נישט“ 197)

עטלעכע סימנים פֿון דער רעדשפּראַך אינעם צווייטן אָפּשניט זײַנען: דער באַניץ פֿון דירעקטע רייד; די קורצע הויפּטזאַצן, פֿאַרבונדן מיט די איבערחזרנדיקע ווערטער „און מע“; דער באַניץ פֿונעם פּראָנאָם און דערנאָך אַ דערקלערונג, וועמען מע מיינט; דער לעצטער הויפּטזאַץ, ווו דער סוביעקט ווערט געביטן אין מיטן. אינעם ערשטן אָפּשניט זײַנען דאָ סימנים פֿון אַ העכערן סטיל: אַ מער געשליפֿינער זאַצבוי, אַ רעטאָרישע פֿראַגע, וואָס נעמט אַרײַן אַן אויסדרוק פֿון אַראַמעיִש, און וואָס ווײַזט אָן אויף די געדאַנקען פֿונעם העלד. מנחם־מענדל פּוצט זיך אַ ביסל, ווען ער שרײַבט צו דעם מחבר, און דערצו דאַרף ער געוויסע זאַכן נישט שרײַבן באריכות, ווײַל דער שרײַבער ווייסט שוין וועגן זיי (אַזוי וואָלט געווען מיט אַלע פּרטים וועגן דער בערזע). דער בריוו צו שלום־עליכמען האָט נאָר דעם פֿולן באַטײַט, ווען מען לייענט עס אויפֿן פֿאָן פֿון די בריוו צו שיינע־שיינדלען, און ער ווײַזט אָן אויף דער וויכטיקייט פֿונעם אָנגערעדטן: מנחם־מענדלס בריוו מוזן זײַן געריכטעוועט צו דער פֿרוי, כּדי שלום־עליכם זאָל קענען אַנטוויקלען זײַן העלד, אַזוי ווי ער האָט געוואָלט.

וועגן טבֿיהן איז אויך דאָ אַ סך צו שרײַבן, ווײַל ער גיט אָפֿט איבער דירעקטע רייד: ער רעדט נישט מיט אַנדערע אַזוי ווי ער רעדט מיט זיך און וועגן זיך, און ער רעדט נישט מיט דער פֿרוי אַזוי ווי ער רעדט מיט די טעכטער. אָבער דעם ענין דאַרפֿן מיר באמת איבערלאָזן אויף אַן אַנדערש מאָל.

## ביבליאָגראַפֿיע


שלום־עליכם. אַלע ווערק. בב׳ 17.2.1. ניו־יאָרק: ספּעציעלע „מאָרגן־פֿרײַהייט“ אויסגאַבע. 1937. 28 בב׳.

Miron, Dan. "A sampling of Menakhem-Mendl." *Michigan Germanic Studies* 3.2 (1977): 13-33.